בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**יום טוב סוכות**

272

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

# עֲנָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער מַאן אַרְבֶּעט צוּפְרִי פַּאר'ן דַאוֶוענֶען? ............ א

מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי מֵיידְל הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן? ............ ג

מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת אַלְס בָּחוּר? ............ ד

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל הָאבְן אַ מוֹרֶה דֶּרֶךְ? ............ ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

נָאכְ'ן עֶרְשְׁטְן קִינְד הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּנְ'ס שְׁטֵייגֶער ............ א

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, אָבֶּער מֶען דַארְף מִיטְאַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען ............ ב

ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס דִי וַוייבּ זָאגְט עֵדוּת אוֹיף אִים ............ ב

מִיר זֶענֶען דָא צוּ הֶערְן אוּן פַארֶעכְטְן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין דִי מוֹסְדוֹת ............ ג

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט צוּלֵייגְן נָאךְ שִׁיעוּרִים ............ ה

קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה, קִינְדֶער גֶעבְּט לֶעבְּן ............ ו

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ פִירְן אַ מוֹסָד ............ ו

וָואס טוּט מֶען מִיט מְלַמְּדִים וָואס קוּמֶען שְׁפֶּעט? ............ י

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע גְרוּפֶּעס ............ יב

מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה ............ יג

דַאוֶוען אִינֶעווֵייניג, רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט ............ יג

אֲפִילוּ אַלֶעס זֶעט אוֹיס פַארְהַאקְט גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף ............ יד

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ פְּלַאץ וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין נִסְיוֹנוֹת ............ טו

מַאכְן סִיוּמִים אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער ............ טז

לֵיין אִיבֶּער דִי פִילֶע בְּרִיוְון וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן ............ יז

דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז יֶענֶעם אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל ............ יז

דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט מוֹהֲרָא"ש ............ יח

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן קָאנְטְרִי ............ יט

טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דִי לִיבְּשַׁאפְט זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן ............ כ

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל ........................ כ
לָאזְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַייךְ קַיין שׁוּם שׁוּלְד גֶעפִּיל ........................ כא
אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע זַאךְ מַאכְט אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ ........................ כב
אַנְטְלוֹיף פוּן פְּרִישׁוּת, הַלְוַאי זָאלְן מִיר זַיין פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן ........................ כג
עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד דָאס בִּיסְל צַייט בִּיזְ'ן שִׁידוּךְ ........................ כד
דַיין שֵׁיינֶע צֶעטְל אָנְגֶעפִּילְט מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה ........................ כה
בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט ........................ כה
טוּ נִישְׁט וֵוויי דַיין וַוייבּ ........................ כו
אַ קְלוּגֶע פְרוֹי שְׁטֶעלְט אוֹיס דִי שְׁטוּבּ ווִירְטְשַׁאפְט מִיט אַ סֵדֶר ........................ כח
מֶען דַארְף זִיךְ רֵייניגְן מִיט תִּקוּנֵי זוֹהַר ........................ כט
מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַהֵיימְגֵיין הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער ........................ ל
זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ וֶוערְן רַייךְ ........................ ל
וָואס הָאט מֶען פוּן גֶעלְט, אוֹיבּ קוּמְט עֶס מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה? ........................ לא
מְלַמְדִים דַארְפְן זַיין יִרְאֵי שָׁמַיִם אוּן אוֹיךְ אוֹיסְזֶען ווִי יִרְאֵי שָׁמַיִם ........................ לב
מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלוֹת, עֶס מַאכְט פְרֵיי דֶעם מֹחַ ........................ לג
כָאטְשׁ דִי אֵיינֶע זַאךְ פּוֹעֵלְ'ן, מֶען זָאל לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא ........................ לד
סוֹף יָאר אִין אָנְהוֹיבּ יָאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה ........................ לה
הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, מִיטְ'ן קוֹבֵעַ זַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען ........................ לה
פְּלַאנְץ אַיין תְּמִימוּת צְווִישְׁן דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט ........................ לו
אִיךְ ווִיל זַיין אִינְפָארְמִירְט מִיט אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי מוֹסְדוֹת ........................ לז
הַנְהָגוֹת אוֹיף עֶרֶב שַׁבָּת אוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ........................ לח
גֶעבּ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע נְסִיעָה ........................ לט
דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן לַייכְט אוּן שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן ........................ מא
אִין אוּמַאן אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס - דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן ........................ מא
לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר זָאלְט אִיר נָאר טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס ........................ מב
לוֹיף צוּם צִיוּן אוּן בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ ........................ מג
אַ סֵדֶר הַיּוֹם ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי צַייט אִין אוּמַאן ........................ מד
דִי וָואךְ שַׁבָּת אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - פַארְדֶערְכְט מֶען אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר ........................ מה
וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט גֶעשִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן ........................ מו
דוּרְךְ שָׁלוֹם אוּן אַהֲבַת חִנָם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ ........................ מז
אַז מִיר וֶועלְן פַארְגֶעבְּן אוּן פַארְגִינֶען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַארְגוּטִיגְן ........................ מח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער מַאן אַרְבֶּעט צוּפְרִי פַּאר׳ן דַאוֶונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט פוּן מַיין מַאן, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט דָאס דַאוֶונֶען בִּכְלַל. עֶר שְׁטֵייט אוֹיף צֶען אַזֵייגֶער, טְרִינְקְט קַאוֶוע מִיט מְזוֹנוֹת, דֶערְנָאךְ עֶפְנְט עֶר זַיין קָאמְפְּיוּטֶער צוּ קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אִין בַּאנְק, מַאכְט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן רוּפְט דֶעם אוּן יֶענֶעם, אוּן עֶרְשְׁט דֶערְנָאךְ, וֶוען מַיין נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן צַעַר, גֵייט עֶר עֶרְשְׁט דַאוֶונֶען.

אִין מַיינֶע עֶלְטֶערְנְ'ס הוֹיז פְלֶעג אִיךְ אַלְץ זֶען פּוּנְקְט אַ פַּארְקֶערְטֶע בֵּיישְׁפִּיל, מַיין טַאטֶע הָאט אוּנְז אַלְץ גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין בְּרָכָה אִין זַאכְן וָואס מֶען טוּט פַּארְ'ן דַאוֶונֶען, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶפְנְט אַ קָאמְפְּיוּטֶער פַּארְ'ן דַאוֶונֶען.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר זַיין מַיין מַאן, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין וִוי זַיין מַאמֶע אִים צוּ זָאגְן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, אִיךְ פְּרוּבִיר אִים מְכַבֵּד צוּ זַיין, אָבֶּער דִי זַאךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס מַאכְט מִיר זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, לָאזְט אִים נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט אַסַאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין אַ שְׁטוּבּ, עֶר קֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֶעלְן מִיט אַ פְּרוּמֶע קְלֵייד, אַלֶעס נָאר צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ. אַמָאל קוּמְט עֶר צוּם מַאן עֶר זָאל קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף דִי וַוייבּ, אַז זִי פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף, אוּן אַמָאל קוּמְט עֶר צוּ דִי וַוייבּ זִי זָאל קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיפְ׳ן מַאן; אַלֶעס אִיז מִיטְ׳ן צִיל צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ לָאזְט אָפּ, זוּכְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס אִין אַייעֶר מַאן; לָאזְט אִים לֶעבְן. זוּכְט גוּטְס, זוּכְט מַעֲלוֹת; וִוי מֶער מַעֲלוֹת אִיר וֶועט טְרֶעפְן אִין אִים - וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן מֶער אוּן מֶער שֶׁענֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) וֶוען מֶען זוּכְט גוּטְס אִין יֶענֶעם, פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט יֶענֶער אֵיין שְׁטִיק גוּטְס.

דָאס וָואס אַייעֶר טַאטֶע פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין זַאכְן וָואס מֶען טוּט פַארְ׳ן דַאוֶונֶען - אִיז וָואר, אָבֶער נָאךְ עֶרְגֶער אִיז וֶוען דִי וַוייבּ קוּקְט שְׁלֶעכְט אוֹיף אִיר מַאן; אַז מֶען קוּקְט שְׁלֶעכְט אוֹיפְ׳ן מַאן אוּן עֶר וֶוערְט בְּעַצְבוּת - אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִין גָארְנִישְׁט, קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיפְ׳ן מַאן אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם אַ חַיִּים טוֹבִים: "הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אִים דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ. טוּט דִי עֵצָה, דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן סַיי עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי זַאכְן, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נאסְקֵייט אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם, וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי מֵיידְל הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי מֵיידְל הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ לֶעפְּטַאפּ, אוּן זִי וִויל עֶס הָאבְּן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה?

אוּן וָואס אִיז אוֹיבּ זִי דַארְף דָאס הָאבְּן פַאר אִיר אַרְבֶּעט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל בַּיי דֶעם.

בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אוֹיבּ דִי מֵיידְל אִיז אַן עֶרְלִיכֶע אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע, אוֹיבּ עֶס קוּמֶען גוּטֶע גְרוּסְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִיר, אוּן אַז דוּ זֶעסְט זִי וִויל זַיין גוּט אוּן זִי וִויל זַיין וואוּיל - אִיז דָאס אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע

קִינְדֶער. וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט? אוּן דִיכֶער וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ הַשֵּׁם יְרַחֵם, אוּן אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער קוּמֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער וָואס הָאט נִישְׁט הַיינְט קַיין טֶעלֶעפָאן מֵיינְט נִישְׁט אַז מָארְגְן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן, אוּן דֶער וָואס הָאט יָא אַ טֶעלֶעפָאן מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט, עֶר קֶען בַּאלְד מַחְלִיט זַיין אוּן עֶר לָאזְט אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט; מֶען קֶען פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ אִינְטֶערֶעסִירְן אוּן אַסַאךְ תְּפִלָּה.

גֵיי אִין אַ וִוינְקֶעלֶע אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ דַאוֶונֶען, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת אַלְס בָּחוּר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס אַ הֶעלְפֶער אִין אַ גֶעוִוישֶע חֵדֶר אִין כִּתָּה א', אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען שְׁטֵיין אִין דִי גְמָרָא אַז אַ בָּחוּר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיט מַיין אַרְבֶּעט אוֹיף קוּמֶענְדִיגְן זְמַן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶס אוֹיפְגֶעבְּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אוּנְז, בִּיטֶע נִישְׁט אַרוֹיסְלֵייגְן דִי שְׁאֵלָה אִין דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אַ דַאנְק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (שֵׁבֶט הַלֵּוִי חֵלֶק ה' סִימָן רו, אוֹת ב) הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וֶוען דִי מַאמֶעס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט דִי קִינְדֶער צוּם מְלַמֵּד - קֶען אַ בָּחוּר אוֹיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַ הֶעלְפֶער פַאר אַ מְלַמֵּד.

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר מְלַמְּדִים צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת מְלַמְּדִים. עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ טְרֶעפְן מְלַמְּדִים, אִיךְ פְרֶעג זֵיי אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת מְלַמְּדִים, זֵיי וֵוייסְן נִיטְאַמָאל אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ ווִי הִלְכוֹת מְלַמְּדִים; ווִי קֶען מֶען זַיין אַ מְלַמֵּד אָן לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת?

עֶס אִיז דָא וִויכְטִיגֶע הֲלָכוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף בַּיינַאכְט, אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה. אוֹיךְ טָאר אַ מְלַמֵּד נִישְׁט פַאסְטְן; אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט, אַז מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט אוּן זַאט - הָאט מֶען גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער.

עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיף זַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד; אוֹיךְ טָאר אַ מְלַמֵּד נִישְׁט פַאסְטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, זִינְג מִיט זֵיי: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מַיין מַאן זָאל הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶּרֶךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער מַיין מַאן וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רָב צוּ וֶועמֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן אוּן צוּ פְרֶעגְן אוּנְזֶערֶע פְּרִיוַואטֶע שְׁאֵלוֹת.

אַסַאךְ מָאל זָאג אִיךְ אִים אַז עֶר דַארְף גֵיין צוּ אַ רָב אוּן פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין קְלָאר, עֶר ווִיל אָבֶּער נִישְׁט, אוּן עֶר אִיז מַחְלִיט אַלֵיין וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיין מַחְלִיט זַיין, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שְׁאֵלַת חָכָם, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים אִיבֶּערְרֶעדְן אַז עֶר זָאל יָא הָאבְּן אַ רָב אוּן מוֹרֶה דֶּרֶךְ אִין לֶעבְּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ פְרֶעגְן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן אַלֶע שְׁאֵלוֹת פוּן אַן עֶרְלִיכֶער רָב אָדֶער דַיָּין; נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ 'מֶען ווייסְט אַלֵיינְס', אַלֵיינְס בְּלָאנְזְשֶׁעט מֶען, אַלֵיינְס דֶערְטְרֶענְקְט מֶען זִיךְ.

אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַ וֶועג וַוייזֶער אִין לֶעבְּן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רִיכְטִיגֶע שָׁלוֹם בַּיִת. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח:): "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶן שׁוֹנוֹת, כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶן שׁוֹנוֹת", אַזוֹי ווִי אַלֶע זֶעעֶן אוֹיס אַנְדֶערְשׁ - אַזוֹי טְרַאכְטְן אַלֶע אַנְדֶערְשׁ; אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן, בֵּיידֶע ווִילְן עֶפֶּעס, בֵּיידֶע הָאבְּן אַ מֵיינוּנְג, אֵיינֶער שְׁלֶעפְּט אַהֶער דֶער צְוֵוייטֶער שְׁלֶעפְּט אַהִין, בִּבְחִינַת (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, רֵישׁ פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא): "שְׁנֵי כְּתוּבִים הַמַּכְחִישִׁים זֶה אֶת זֶה עַד שֶׁיָּבוֹא הַכָּתוּב הַשְּׁלִישִׁי וְיַכְרִיעַ בֵּינֵיהֶם", - מוּז מֶען נֶעמֶען אַ רָב, אַ דַיָּין - וָואס שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי וֶועג פַארְ'ן לֶעבְּן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר שְׁטוּב זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף תּוֹרָה, אַייעֶר

מַאן צוּזַאמֶען מִיט אַייךְ זָאלְן בֵּיידֶע הָאבְּן אַ מוֹרֶה הוֹרָאָה, אַ רָב - וֶועם מֶען פְּרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ.

אַ פְּרוֹי קֶען מִיט שֵׁיינֶעם און מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן אִין שְׁטוּב. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָּנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ, אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, עֶס אִיז אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער און זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְּט גֶטְ'ן, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען און הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹי און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", און דִי עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע און זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְּרוֹי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נָאכְ'ן עֶרְשְׁטְן קִינְד הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ לֶעבְּנְ'ס שְׁטֵייגֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶעמֶען, נָאכְן עֶרְשְׁטְן קִינְד דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּם נֵייעֶם לֶעבְּנְ'ס שְׁטֵייגֶער. בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען צוּגֶעבִּינְדְן צוּ גָארְנִישְׁט, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעוָואלְט, יֶעצְט, מִיט אַ קִינְד - גֵייט זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז דָא אַ נֵייעֶ סֵדֶר; דֶער קִינְד מַאכְט סֵדֶר, וֶוען עֶר ווִיל נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶועקְן זִיךְ אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן, אוּן וֶוען דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט רוּאִיג וֶוערְן אַלֶע אוּמְרוּאִיג, דָאס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ פַאר אַ יוּנְגֶע מַאמֶע'לֶע.

אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט אָדֶער שְׁוֶוער, עֶס אִיז פָּשׁוּט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם לֶעבְּן בִּיז אַהֶער, אוּן וֶוען עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין אַבִּיסְל צַייט אוּן אִיר וֶועט שׁוֹין זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּם נֵייעֶם לֶעבְּן - וֶועט אִיר נָאר וֶועלְן נָאךְ קִינְדֶער.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הַאלְט אִין דִי הַאנְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד; אַייעֶרֶע לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, אָבֶער מֶען דַארְף מִיטְאַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט מִיר; פוּן אֵיין זַייט הֶעלְפְסְטוּ טַאקֶע זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, אָבֶער דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט וֶועלְן מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט מִיר - אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד.

בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דַיין פְּלַאן אִיז. אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דוּ ווִילְסְט בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אָבֶער דָאס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אַז דוּ וֶועסְט מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ בַּייס מִיר מַיינֶע לִיפְּן אַ גַאנְץ זוּמֶער, יֶעדְן טָאג טְרַאכְט אִיךְ 'אֶפְשָׁר הַיינְט, אֶפְשָׁר הַיינְט וֶועלְן זִיךְ זַאכְן אָנְהוֹיבְּן רוּקְן?' יֶעצְט וִויל אִיךְ אַ תְּשׁוּבָה, יָא אָדֶער נֵיין; אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן אַז דוּ גֵייסְט אַרוֹיס, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בְּלַייבְּסְט דָא מִיט נָארְמַאלְקֵייט.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אוֹיךְ אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן אַן אֱמֶתְ'עֶ שִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן גְלִיקְלִיךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס דִי וַוייבּ זָאגְט עֵדוּת אוֹיף אִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וואוּ דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ' שְׁרַייבְּט ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ, אוּן ווִי דוּ לֶערְנְסְט אִין שְׁטוּבּ, זִי שְׁרַייבְּט אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר אַזוֹי וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג.

אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין צִימֶער בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ מִיט נָאךְ אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶענֶער הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ עֶפֶּעס פוּן זַיין ווייבּ, ווי זִי זָאגְט פַאר אַלֶעמֶען אַז אִיר מַאן אִיז גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, רוּפְט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ אָן הוֹיךְ: "חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (מֶדְרָשׁ מִשְׁלֵי ה, יח) 'אַשְׁרֵי אָדָם שֶׁאִשְׁתּוֹ מְעִידָתוֹ', וואוּיל אִיז דֶעם וָואס דִי וַוייבּ זָאגְט עֵדוּת, 'מַיין מַאן אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'"; דִי וַוייבּ זֶעט דָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע צַייטְן, אִין צַייטְן וָואס אַלֶעס פִירְט זִיךְ כַּהֹגֶן, אוּן אִין צַייטְן וָואס עֶס פִירְט זִיךְ שֶׁלֹּא כַּהֹגֶן, זִי זֶעט אוֹיבּ דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אִיר, אָדֶער עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט.

גֵיי וַוייטֶער מִיט דַיין גוּטֶע וֶועג, לֶערְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן בָּזֶה הָעוֹלָם.

דַיין וַוייבּ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה זִי זָאל פַארְקוֹיפְן פֶּערְפִיוּם; זָאג אִיר אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

מִיר זֶענֶען דָא צוּ הֶערְן אוּן פַארְרֶעכְטְן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר, עֶס זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת. ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ קוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר, אָדֶער צוּם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת. מִיר זֶענֶען גְרֵייט צוּ הֶערְן, אוּן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן - וֶועלְן מִיר בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם פַארְרֶעכְטְן; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן - וֶוען מֶען קֶען וֶוען קוּמֶען רֶעדְן אוּן מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר אַז אִיר דֶערְצֵיילְט אִים בְּשֵׁם זֵייעֶר אַסַאךְ

פְּרוּוְוען וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן גֶעוִויסֶע זַאכְן, אָבֶּער מֶען הָאט מוֹרָא צוּ קוּמֶען רֶעדְן וְכוּ' וְכוּ'. דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל מִיר - דִי מוֹסָד מִיט דִי עֶלְטֶערְן - זֶענֶען שֻׁתָּפִים, מִיר זֶענֶען דָא צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת, אוּן אַז עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט פַאר דִי מוֹסָד פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי מוֹסָד שְׁפִּירְט אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן וֶועט וֶוערְן בֶּעסֶער פַאר דִי קִינְדֶער - טוּעֶן מִיר דָאס רִיכְטִיגֶע, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן צוּ דִי מוֹסָד אִיבֶּער זַאכְן מִיט וָואס מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן.

וָואלְט דָאס גֶעוֶוען זַאכְן וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט אַיינְשְׁטִימִיג מִיט דִי מוֹסָד אִין פְּרִינְצִיפּ - אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן, דַארְפְן דִי עֶלְטֶערְן זוּכְן אַ מוֹסָד וָואס שְׁטִימְט מִיט זֵייעֶרֶע פְּרִינְצִיפְּן. אִיז דָאס דֶער צוּגַאנְג פוּן דִי זַאךְ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער מְלַמֵּד שְׁלָאגְט, דֶער מְלַמֵּד פַארְשֶׁעמְט, דֶער מְלַמֵּד אִיז אַ נֶערְוֶועזֶער, אָדֶער אִין סְקוּל; דִי טִיטְשֶׁער רֶעדְט שְׁטוּתִים, זִי רֶעדְט פוּן אִירֶע חֲלוֹמוֹת אוּן זִי מַאכְט פוּן דֶעם אֱמוּנוֹת טְפֵלוֹת, אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁטוּתִים, זִי רֶעדְט פוּן דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן מִיר - דַארְף מֶען דָאס קוּמֶען דֶערְצֵיילְן.

פַארְיָאר וֶוען אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר אַז אַייעֶר טָאכְטֶער קוּמְט אַהֵיים מִיט דִמְיוֹנוֹת, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְזוּכְן פוּן וואוּ דָאס קוּמְט אוּן פַארְרָאכְטְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, דִי טִיטְשֶׁער הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי אַלֵיינְס אִיז פַארְדְרֵיידְט גֶעוָוארְן מִיט דִמְיוֹנוֹת, חֲלוֹמוֹת וְכוּ'. אוּן וֶוען אַייעֶר מַאן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַייעֶר זוּן קוּמְט אַהֵיים, מֶען זֶעט אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד, הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַארְ'ן מְלַמֵּד עֶר זָאל מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי צַייט פוּן מְלַמְּדוּת. אִיךְ בִּין דָא נָאר גוּט צוּ מַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער; אִיז דָאס נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז מֶען רֶעדְט צְווִישְׁן זִיךְ שְׁלֶעכְט אוֹיף דִי מוֹסָד, עֶנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען קוּמֶען רֶעדְן צוּם מְנַהֵל, מְנַהֶלֶת אָדֶער צוּ מִיר.

אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַ נָאמֶען פוּן אַ פְּרוּי וָואס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּ אַייךְ, אוּן פוּן דֶעם זֶענְט אִיר אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן. אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן אַייךְ, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן; אִיר קֶענְט מִיר שְׁרַייבְּן, אִיר קֶענְט אַרִיבֶּערְקוּמֶען מִיט אַייעֶר מַאן זִיךְ

דוּרְכְרֶעדְן, אָדֶער רוּפְן, אוּן אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פַארְבֶּעסֶערְן.

...

**אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט צוּלֵייגְן נָאךְ שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שֵׁיינֶעם דַאנְק פַאר דִי הֶערְלִיכֶע גְרוּסְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ מְקוֹר הַשִׂמְחָה, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי; אִיךְ הָאבּ אַזַא נַחַת צוּ הֶערְן פוּן אַ גַאסְט ווִי שֵׁיין דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ פִירְט זִיךְ, אוּן גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִי צְוֵויי גֶעטְרֵייעֶ גַבָּאִים, ווִי שֵׁיין זֵיי פִירְן דִי שׁוּל.

נָאךְ מֶער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז דוּ הַאלְסְט שׁוֹין אָן דָאס לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בְּכָל יוֹם שׁוֹין זֶעקְס יָאר, חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר; פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, דָאס אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט צוּלֵייגְן נָאךְ שִׁיעוּרִים; אַ שִׁיעוּר מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם, אוּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן תְּהִלִים בְּכָל יוֹם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן טְרִינְקְט יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים".

אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּיסְט; וֶוען אִיךְ וֵוייס וֶוען אַז דוּ בִּיסְט שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל - וָואלְט אִיךְ זִיכֶער גֶעמַאכְט דִיךְ צוּ זֶען.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה, קִינְדֶער גֶעבְּט לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קִינְדֶער אִיז אַ בְּרָכָה, קִינְדֶער גֶעבְּט לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים סד:): ״כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ בָּנִים חָשׁוּב כַּמֵּת״, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער - אִיז דִי לֶעבְּן קַיין לֶעבְּן.

וֶוען אַ פְּרוּי אִיז שְׁוַואךְ; שְׁוַואךְ פִיזִישׁ אָדֶער שְׁוַואךְ גֵייסְטִישׁ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ בַּארָאטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער רָב, עֶר זָאל מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דִי שְׁטוּב.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט כֹּחַ - זָאלְט אִיר אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף דִי שֵׁיינֶע מַתָּנוֹת וָואס עֶר הָאט אַייךְ גֶעשָׁאנְקֶען, אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אִין זַיינֶע הֶענְט.

טְרַייבְּט אַרוֹיס דִי שׁוּלְד גֶעפִיל וְכוּ׳; אוּן וֶוען אִיר בַּאקוּמְט נֶעגֶעטִיוֶוע קַאמֶענְטְס פוּן אַנְדֶערֶע וְכוּ׳, מֶען מַאכְט אַייךְ שְׁפִּירְן כְּאִילוּ אִיר זֶענְט אַ פַאְרבְּרֶעכֶער פַאר׳ן הָאבְּן כַּךְ וְכַךְ קִינְדֶער אִין כַּךְ וְכַךְ יָאר - זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיר זָאלְט וַוייטֶער טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט פוּן לֶעבְּן.

אַגַב, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרְבֶּעט בֶּעסֶער פוּן אַלֶע וִויטַאמִינֶען אוּן פוּן אַלֶע סְגוּלוֹת; דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ פִירְן אַ מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

מִיר הֶערְן בִּיז אַמֶעריקֶע דִי גוּטֶע נַייעֶס וָואס קוּמְט אַרַיין פוּן דִי נַייעֶ

שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם, מִיר הֶערְן זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן, אוּן אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מִיר דֶער מְנַהֵל אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט גְרִינְג.

עֶס דֶערְמַאנְט מִיר צוּרִיק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶערִיקֶע, אוֹי אִיז דָאס גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; סַיי מִיט דִי קִינְדֶער אוּן סַיי מִיט דִי עֶלְטֶערְן. אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת מָרַת ... תִּחְיֶ' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַפָּאר קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַלֶע יָארְגֶענְג, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג גֶעוֶוען דִי אַרְבֶּעט מִיט זֵיי, וְעַל כּוּלָם מִיט דִי עֶלְטֶערְן. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נָאר גֶעהַאט טַעֲנוֹת, מֶען הָאט אִיר גֶעבִּיסְן אוּן גֶעשְׁטָאכְן; מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט, בִּיז מִיר זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אַלֶעס אוּן מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיי דְרֵיי בֵּית פֵיגָא שׁוּלֶעס אִין אַמֶערִיקֶע.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַייעֶר גַאנְצֶע כֹּחַ, עֶס אִיז טַאקֶע אִין אָנְהוֹיב שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס וֶועט נָאר גְרִינְגֶער וֶוערְן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת דְרֵיי חֳדָשִׁים נָאכְן עֶפֶענֶען בֵּית פֵיגָא, פוּן דִי חִיזוּק פוּן דִי בְּרִיוו וֶועט אִיר זֶען וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִיר פוּן דִי קִינְדֶער אוּן פוּן דִי עֶלְטֶערְן; דָאס וֶועט פַאר אַייךְ זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

פָאלְגְנְד אִיז דֶער בְּרִיוו:

בעזהשי״ת

אַשְׁרֶיךְ מָרַת ... תִּחְיֶ' עמו״ש, וָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דִי לִיכְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַשְׁרֶיךְ בָּעוֹלָם הַזֶה וְטוֹב לָךְ לְעוֹלָם הַבָּא וּלְנֵצַח נְצָחִים.

אַרְבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, וַוייל מֶען זֶעט נָאר אֵיין טְרִיט, אוּן וַוייטֶער טַאפְּט מֶען אַ וַואנְט, אָבֶּער וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה - אִיז זוֹכֶה.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא

בָּא עַל יָדוֹ"; ווי אִיז נָאךְ דָא אַזַא מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים ווי צוּ אַרְבֶּעטְן אוּן פִירְן אַ סְקוּל וואוּ מֶען אִיז מְחַנֵךְ הֵיילִיגֶע טֵייעֶרֶע יוּנְגֶע נְשָׁמוֹת וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן מֶען פִּילְט זֵיי אָן מִיט אֱמוּנָה, הִתְבּוֹדְדוּת אוּן צְנִיעוּת.

וֶוען מֶען אִיז עוֹסֵק מִיט מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז נִישְׁט אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זוּכְן זֵיי וֶועם צוּ בְּלֶעמֶען אוּן אַרַיין זָאגְן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס, בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַ רַבִּים, ווי אַ "מְנַהֶלֶת" - טָאר זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן פוּן יֶעדֶע צֶעבְרָאכֶענֶע מַאמֶע וָואס אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן זוּכְט וֶועם צוּ בְּלֶעמֶען.

מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען שְׁוַוייגְן אוּן שָׁאקְלֶען מִיטְ'ן קָאפּ, אוּן מֶען טוּט וַוייטֶער דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט (חוּץ אוֹיבּ זָאגְט יֶענֶער אַ גוּטֶע זַאךְ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען עֶס טַאקֶע פַארְרֶעכְטְן).

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אִיךְ ווִיל אַייךְ מְפַיֵּיס זַיין, אִיךְ הָאף צוּ בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט אֵיינְמָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל - אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

וֶוער עֶס אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן בַּאצָאלְט אִים דֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "בַּיי וֶועם אִיךְ נֶעם גֶעבּ אִיךְ", בִּפְרַט אוֹיבּ אֵיינֶער גֶעבְּט אַוֶּועק זַיין בְּלוּט, מֹחַ, הַארְץ, מַארֶעךְ - בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן אַזֶעלְכֶע מַתָּנוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי מֵיידְלֶעךְ אֱמוּנָה, שִׂמְחָה, צְנִיעוּת אוּן קְדוּשָׁה.

מָרַת ... מִיר דַארְפְן מֵיידְלֶעךְ הֶעלְפְן. וָואס וֶועלְן גָארְנִישְׁט דַארְפְן, נָאר וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט. עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְקוּל. אַ סְקוּל אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, נָאךְ ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס, וַוייל מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן מִיט אִינְגְלֶעךְ, מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אָבֶער אַז דִי וַוייבּ אִיז פַארְבִּיסְן קֶעגְן בְּרֶסְלֶב - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דֶערִיבֶּער אַז מִיר הָאבְן גֶעעֶפְנְט דִי

בֵּית פֵיגָא סְקוּל אוּן אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק, אִיז אֵין אֲנַחְנוּ יְכוֹלִים לְהוֹדוֹת לְךָ ... פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז אִין דִי דְרֵיי חֲדָשִׁים וָואס דִי סְקוּל שְׁטֵייט זָאל עֶס שְׁטֵיין אַזוֹי שֵׁיין, אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ מָרַת ... עֶס וֶועט נָאךְ וֶוערְן שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער, נָאר אֵיין זַאךְ אִיז וִויכְטִיג: שְׁטַארְק! שְׁטַארְק, מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן צוּרִיק גֵיין.

מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט (וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ עֶפְן אַ חֵדֶר): "אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ וִויסְן, אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין".

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אִין ... אוּן מַאמֶעס פְלֶעגְן כְּסֵדֶר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז מֶען דַארְף גֵיין פְרִיעֶר אוּן אַהֵיימְקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער, אוּן מֶען פְלֶעגְט קוּמֶען זָאגְן רַאֲיוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת: "דִי מוֹסָד גֵייט אַהֵיים שְׁפֶּעטֶער", "אִין דִי מוֹסָד קוּמְט מֶען פְרִיעֶר אִין חֵדֶר" - הָאט דֶער מְנַהֵל גֶעזָאגְט אַז מִיט דִי צַייט וֶועט מֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער מִיט פִּידְזְשַׁאמֶעס אִין חֵדֶר אוּן זֵיי אַהֵיים שִׁיקְן שְׁפֶּעט בַּייְנַאכְט, אוּן דִי מְלַמְּדִים וֶועלְן זֵיי אָנְטוּן פִּידְזְשַׁאמֶעס, אַזוֹי וֶועלְן דִי מַאמֶעס הַנָאָה הָאבְּן; וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען דִי מַאמֶעס אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, מֶען פַארְגֶעסְט וָואס אִיז דֶער עִיקָר, מֶען אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי בַּאחֵן'טֶע קִינְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשָׁאנְקֶען - וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף.

מָרַת ... מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג... אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט טַעֲנוֹת, אָדֶער נִישְׁט טַעֲנוֹת, נָאר עֶפֶּעס זָאגְן (אִיר פַארְשְׁטֵייט וָואס אִיךְ מֵיין, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אוּן זָאגְט אוּן שְׁטֶעכְט: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת, אָבֶּער...) קֶען מֶען אִיר שִׁיקְן צוּ דִי הַנְהָלָה, אָדֶער צוּ מִיר.

אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ הַאלְט אַז קִינְדֶער, בִּפְרַט עֶלְטֶערֶע, דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין הֵיים אַרְבֶּעט, דִי הֵיים אַרְבֶּעט זָאל זַיין הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן דִי מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ הָאף אַז אִיר הַאלְט אוֹיךְ אַזוֹי אוּן אִיר טוּט אַזוֹי.

אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִיז מֶען מַצְלִיחַ. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיב אַ שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשׁ, וָואס וֵוייסְט וָואס עֶר וִויל.

קֵיינֶער טוּט נִישְׁט קַיין טוֹבָה פַּאר אוּנְז מִיט דֶעם וָואס עֶר שִׁיקְט זַיין טָאכְטֶער אָדֶער קִינְד אִין דִי מוֹסָד, פַּארְקֶערְט!! אִיךְ טוּ אִים אַ טוֹבָה אַז אִיךְ שְׁטֶעל אִים צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אֱמוּנָה, אֱמוּנַת צַדִיקִים, צְנִיעוּת; אֱמֶת'דִיגֶע צְנִיעוּת, נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה וְכוּ'.

אִיךְ הָאף אַז מַיינֶע שׁוּרוֹת וֶועלְן טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעֻלָּה, דָאס וֶועט אַייךְ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן.

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אִין אַייעֶר עֲבוֹדוֹת הַקוֹדֶשׁ, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֵיידְלֶעךְ עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ.

...

### וָואס טוּט מֶען מִיט מְלַמְדִים וָואס קוּמֶען שְׁפֶּעט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אוֹיף דִיר דֶעם גַאנְצְן עוֹל פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שְׁרַייבְּן פַּאר דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה.

בְּנוֹגֵעַ אַרָאפְּרֶעכֶענֶען גֶעלְט פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פַּארְ'ן קוּמֶען שְׁפֶּעט; אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן וִוי אַזוֹי מִיר מַאכְן אִין אַמֶערִיקֶע. אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים אִין אַמֶערִיקֶע קוּמֶען נִישְׁט אִין חֵדֶר צוּלִיבּ זֵייעֶר גֶעהַאלְט, זֵיי קֶענֶען

מַאכְן אַסַאךְ מֶער גֶעלְט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אִין אַמֶעריקֶע מַאכְט אַ מְלַמֵּד זִיבְּן־אַכְט הונְדֶערְט דָאלֶער אַ וָואךְ, דָאס אִיז זֵייעֶר וֵוייניג אַנְטְקֶעגְן וָואס מֶען צָאלְט פַאר אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט. אונְזֶערֶע מְלַמְּדִים זֶענֶען מְלַמְּדִים וַוייל זֵיי ווִילְן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידּוֹת טוֹבוֹת, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט אִינְזִין דִי גֶעלְט; מִיר גֶעבְּן אַ גֶעהַאלְט פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וַוייל זֵיי דַארְף לֶעבְּן, אָבֶּער זֵיי קוּמֶען בִּכְלַל נִישְׁט פַאר דֶעם.

אויבּ מִיר וֶועלְן אַרָאפְּרֶעכֶענֶען גֶעלְט פַארְ'ן מְלַמֵּד וֶועט אִים דָאס נִישְׁט מַאכְן קוּמֶען מֶער צַייטְלִיךְ, עֶס וֶועט אִים נָאר אָוֶועק נֶעמֶען דִי אַפֶּעטִיט פוּן אַרְבֶּעטְן מִיטְ'ן מְנַהֵל, הַנְהָלָה און אָפִּיס. אַז אַ מְלַמֵּד קוּמְט שְׁפֶּעט - רֶעדְט מֶען צוּ אִים, מֶען הֶערְט אִים אוֹיס, מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מַצָּב אִים צוּ פַארְשְׁטֵיין; אֶפְשָׁר קֶען עֶר נִישְׁט קוּמֶען, אֶפְשָׁר גֵייט עֶר עֶפֶּעס אַרִיבֶּער, און מֶען אַרְבֶּעט אוֹיס עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער.

וֶוען דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אַרַיין פַאר דִי גֶעלְט - דֶעמָאלְט קֶען אַרְבֶּעטְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גֶעלְט, וַוייל דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִיבָּה פַארְוָואס עֶר אַרְבֶּעט בִּכְלַל.

לוֹיט וָואס אִיךְ הֶער זֶענֶען אונְזֶערֶע מְלַמְּדִים אִין יְרוּשָׁלַיִם - מְלַמְּדִים וָואס קוּמֶען נִישְׁט צוּ דִי אַרְבֶּעט פַאר דִי גֶעהַאלְט, זֵיי קוּמֶען וַוייל זֵיי ווִילְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען וֶועט מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער מִיט דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה; אִיז דֶעמָאלְט נִישְׁט כְּדַאי צוּ שְׁפִּילְן מִיט דִי מִינוּטְן וָואס מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט, עֶנְדֶערְשׁ דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ און אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט - דַארְף מֶען זֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין אָן קַיין הַשְׁגָּחָה.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בַּיי אונְזֶער מוֹסָד אִין יְרוּשָׁלַיִם וָואס קוּמֶען נִישְׁט פַאר דִי גֶעהַאלְט, נָאר וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן בְּלֵב וָנֶפֶשׁ, זֵייעֶר גַאנְצֶע מֹחַ אִיז נָאר צוּ בּוֹיעֶן סָאלְדַאטְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין אַזַא פַאל, אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶער, אַ גֶעטְרֵייעֶר, און עֶס מַאכְט זִיךְ אַן אוֹנֶס - אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרָאפְּצוּנֶעמֶען פוּן זַיין גֶעהַאלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע גְרוּפֶּעס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זַיין אוֹיף אַ גְרוּפּ מִיט חֲבֵרִים אוּן מִיט דִי וַוייבֶּער, עֶס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר בִּיטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי אַרָאפּ פוּן דִי גְרוּפּ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זַיין מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוֹיף אַ טְשֶׁעטֶעל, זִיךְ שְׁרַייבְּן וְכוּ׳.

דִי תּוֹרָה זָאגְט (מִשְׁלֵי ו, כז): ״אִם יְהַלֵּךְ אִישׁ עַל הַגֶּחָלִים״, קֶען דֶען זַיין אַזַא זַאךְ מֶען זָאל גֵיין אוֹיף בְּרֶענֶעדִיגֶע קוֹילְן, ״וְרַגְלָיו לֹא תִכָּוֶינָה״, אוּן דִי פִּיס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּבְּרִיעֶן? קֶען דֶען זַיין אַזַא זַאךְ?! ״כֵּן הַבָּא אֶל אֵשֶׁת רֵעֵהוּ״, אַזוֹי אִיז מִיט אֵיינֶער וָואס זָאגְט ׳אִיךְ שְׁרַייבּ זִיךְ נָאר מִיט מַיין חַבֶר׳ס וַוייבּ, אִיךְ לַאךְ נָאר מִיט אִיר, אִיךְ טוּ נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס׳, ״לֹא יִנָּקֶה כָּל הַנֹּגֵעַ בָּהּ״, וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן בַּיים סוֹף. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה טז, ב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ״אַל תֹּאמַר הוֹאִיל וְאָסוּר לִי לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּאִשָּׁה וְגוֹ׳״, זָאג נִישְׁט ׳אַז אִיךְ טָאר נִישְׁט טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אִיר, לָאז מִיךְ כָאטְשׁ רֶעדְן, לַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, עַיֵּין שָׁם.

הוֹיבּ צוּרִיק אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא, אַ תְּהִלִּים; זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן נֶעם גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם. הַאלְט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט. דוּ בִּיסְט אַ גוּט קִינְד, דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ; אַ שָׁאד אַוֶועקְגֵיין אוֹיף אַ נִישְׁט גוּטֶע וֶועג.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַּאר הַצְלָחָה - אִיז צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ׳ן וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ אִיז דָאס אַ תִּיקוּן הַבְּרִית (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן יט).

אוֹיךְ אִיז דָאס מְסוּגָל לְיִרְאַת שָׁמַיִם; וַוייל אִין הֲלָכָה וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ב): ״וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ״י״, אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל לֶערְנֶען סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי רַשִׁ״י; זֶעט מֶען אַז דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי צֶען יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן לֵיל שִׁישִׁי בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ׳עֶ זַאךְ, עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן לִיגְט אִין דֶעם.

זַיי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיט תַּרְגּוּם, וֶועסְטוּ זֶען, עֶס וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן גְרוֹיסֶע זַאכְן בַּיי דִיר אִין דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דַאוֶוען אִינֶעוֵוייניג, רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַרוֹיפְקוּמֶען נָאךְ דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ דִירָה.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז וָואס הָאט פַּאסִירְט; אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַּאר נָאךְ צְוֵויי מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן גֵיין קוּקְן דִי דִירָה וָואס מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט דִיר צוּ גֶעבְּן; אִיךְ בִּין אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אַז אִיךְ אַלֵיינְס הַאלְט נִישְׁט קָאפּ.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע דִירָה בְּקָרוֹב.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן נֶעם זִיךְ פָּאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען; אַז מֶען רֶעדְט בַּיים דַאוֶוענֶען פַארְשֶׁעמְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז אַ חִלּוּל הַשֵּׁם.

נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר אוּן נִישְׁט רֶעדְן פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְ'ן סוֹף, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אֲפִילוּ אַלֶעס זֶעט אוֹיס פַארְהַאקְט גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַפָּאר יָאר צוּרִיק אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען זִיכֶער אַז מֶען וֶועט דִיךְ צוּכַאפְּן יוּנְגֶערְהֵייט, אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר אוּן גָארְנִישְׁט; עֶס גֵייט גָארְנִישְׁט, עֶס רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס פַארְקְלַאפְּט, פַארְהַאקְט, פַארְמַאכְט אַלֶע טִירְן.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; דֶערְהַאלְט זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ, בְּלַייבּ מִיט דַיין אֱמוּנָה, בְּלַייבּ מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים, בְּלַייבּ מִיט אַלֶע סְגוּלוֹת וָואס דוּ טוּסְט. אִיךְ בֶּעט דִיר, הָאבּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת, עֶס וֶועט דִיר אוֹיךְ לִיכְטִיג וֶוערְן, עֶס וֶועט קוּמֶען דַיין יְשׁוּעָה, דוּ וֶועסְט הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ.

דו זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צו אִים, זָאג אִים:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גְלֵייב אִין דִיר, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פון דִיר; אִיךְ בֶּעט דִיר גֶעב מִיר מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל זַיין רֵיין, אִיךְ וִויל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, הֶעלְף מִיר, אָנָּה ה' הוֹשִׁיעָה נָּא, בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ פַאר דִיר מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען".

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ פְּלַאץ וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין נִסְיוֹנוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ', יַבְנְאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע בְּרִיוו.

דִי גֶעפִילְן וָואס וֶועקְן זִיךְ אוֹיף אִין אַייךְ, אִיר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן 'וָואס טוּ אִיךְ דָא? אִיךְ וִויל צוּרִיקְגֵיין קַיין אַמֶערִיקֶע, אִיךְ וִויל גֵיין קַיין שְׁטֶעטְל'; וָואס מֵיינְט אִיר, אִין אַמֶערִיקֶע אִין שְׁטֶעטְל אִיז מֶען אַלְץ פְרֵיילִיךְ? וָואס מֵיינְט אִיר, אַלֶע וָואס זֶענֶען אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען אַלְץ אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע?

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, בְּלַייבְּט שְׁטַארְק. דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אִין שְׁטֶעטְל - דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא אִין אַמֶערִיקֶע - דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן. עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַ פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט וָואס דָארְט אִיז יֶעדֶער פְרֵיילִיךְ, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ פְּלַאץ וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין נִסְיוֹנוֹת, אִיבֶּערָאל אִיז דָא נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

לֵייגְט אַרַיין אִין אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת אֱמוּנָה, אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ צְנִיעוּת. אוֹיבּ קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ, מֶען וַוייזְט זֵיי דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן

אִידִישְׁקֵייט - וֶועלְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט, זֵיי וֶועלְן טוּן אִידִישְׁקֵייט מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶע ווילְן; דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אַרֵיינְלֵייגְן אֵיידְלְקֵייט מִיט אַ גֶעפִיל, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר ...., אִינְאֵיינֶעם זָאלְן עֶנְק אוֹיפְבּוֹיעֶן עֶנְקֶערֶע תַּלְמִידוֹת אוּן אַרֵיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ שִׂמְחָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

### מַאכְן סִיוּמִים אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער .... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט אַז דוּ בִּיסְט אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד, דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ קֶענִיגְן, דוּ פִירְסְט זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן, דָאס אִיז בַּאצָאלְט פַאר׳ן שִׁידוּךְ. וֶוען אִיךְ מַאךְ אַ שִׁידוּךְ פַאר תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת אוּן מֶען וִויל מִיר בַּאצָאלְן שַׁדְכָנוּת, בֶּעט אִיךְ אֵיין זַאךְ, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט לִיבְשַׁאפְט; דָאס אִיז מַיין שַׁדְכָנוּת, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים.

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט אַז דוּ לֶערְנְסְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, זִי הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט. זִי וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט דוּ זָאלְסְט אִיר דֶערְצֵיילְן וֶוען דוּ מַאכְסְט אַ סִיוּם, זִי ווִיל דִיר מַאכְן אַ שֵׁיינֶע מָאלְצַייט. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אִיר דָאס זָאגְן, אֲפִילוּ דוּ פַאר דִיר - דַארְפְסְט נִישְׁט דִי זַאכְן וְכוּ׳, אָבֶּער פַאר אִיר אִיז דָאס יָא ווִיכְטִיג, עֶס לֶעבְּט אוֹיף דִי שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דָאס ווִיכְטִיג, דָאס מַאכְט זֵיי אוֹיךְ אַ חֵשֶׁק.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### לֵיין אִיבֶּער דִי פִילֶע בְּרִיוְון וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ וֶוען דוּ נֶעמְסְט צַאם אַלֶע בְּרִיוְון וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן פֶּערְזֶענְלִיךְ, אוּן דוּ חַזֶר׳סְט עֶס אִיבֶּער מִזְּמַן לִזְמַן.

אַזוֹי סַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן; עֶס אִיז אַ שָׁאד עֶס זָאל לִיגְן פַארְשְׁטוֹיבְּט אִין שַׁאפֶע, אוּן אַ שָׁאד פַאר מִיר אִיךְ זָאל דִיר דַארְפְן אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן, דִי זֶעלְבֶּע נְקוּדוֹת, אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מַאךְ דִיר אַ פָּאלְדֶער פוּן אַלֶע בְּרִיוְון וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן; אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן אוּן אִיבֶּער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַנְדֶערֶע.

גֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דוּ הָאסְט אַ שֵׁיינֶע פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּב, גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּק אַרוֹיף צוּם הִימְל, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

זַיי מְחַזֵק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. הַפָּצָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז יֶענֶעם אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן גֶעבְּן אַ גוּטֶע גֶעפִיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַייעֶר הוֹדָעָה.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶנְק זָאלְן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַ גוּטֶע קַבָּלָה פַאר אַייעֶר גֶעזוּנְט.

יֶעצְט וֶוען איר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵּק מָרַת ... תִּחְיֶ׳, ווייל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵּק זַיינֶע קִינְדֶער, און אַז אֵיינֶער קְלַאפְּט אוֹיף אַייעֶר טִיר בֶּעטְן חִיזּוּק - אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה יֶענֶעם אוֹיסְהֶערְן און יֶענֶעם גֶעבְּן דִי גֶעפִּיל אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט יֶענֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קד.): "בְּשַׁעֲתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לֵיהּ לְבַר נָשׁ", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ, "מְשַׁדֵּר לֵיהּ דּוֹרוֹנָא", שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה, "וּמַאן אִיהוּ, מִסְכֵּנָא", - אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ; אַז עֶס קוּמְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ צוּ אַייעֶר טִיר - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ.

דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, זֵיי אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוֹיסְצוּהֶערְן און גֶעבְּן דִי גֶעפִּיל אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַלֵיינְס אוֹיפְ׳ן וַואסֶער.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת מִיט מוֹהֲרָא"שׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט אַיינְגֶעלַיידְנְט צוּ דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת. אַמָאל הָאבְּן מִיר גֶענוּמֶען גֶעסְט, הַיינְט זֶענֶען בַּיי מִיר דִי קִינְדֶער. אַ גַאנְץ זוּמֶער זֶענֶען מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע קִינְדֶער סָמוּךְ עַל שֻׁלְחָנוֹ, קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין אַ שֵׁיינֶער אִיד, נֶעמֶען גֶעסְט אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין וַוייבּ; אִיךְ זִיץ ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד בַּיים טִישׁ אוֹיבְן אָן, און זִי קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ קֶענֶען זִיצְן בַּיי דִי סְעוּדָה.

אִיךְ בִּין זוֹכֶה יֶעדֶע וָואךְ צוּ עֶסְן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ עַד הַיּוֹם הַזֶּה. אִיךְ זִינְג "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם", אִיךְ פַארְמַאךְ זִיךְ דִי אוֹיגְן, און אִיךְ מָאל זִיךְ

אוֹיס וִוי אִיךְ זִיץ בַּיים טִישׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. אַזוֹי טוּ אִיךְ יֶעדֶע מָאל אִיךְ זִינְג אַ נִיגוּן פַּאר'ן שִׁיעוּר, אִיךְ פַארְמַאךְ זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְצַיֵּיר מַמָּשׁ וִוי אִיךְ זִיץ יֶעצְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע גְרוֹיסְן פוּן קָאנְטְרִי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קָאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, אִיר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּ' גְעוֶוען. אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע גְרוּסְן פוּן סְקוּל, וִוי אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ פוּן תְּפִלָּה, אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז אִיר הָאט זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט דֶעם זוּמֶער אִין קָאנְטְרִי, אוּן אַז אִיר ווִילְט צוּרִיקְקוּמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אוּן אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן הַנָּאָה גֶעהַאט; עֶס אִיז מִיר אַ פַארְגֶענוּגְן צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע זַאכְן, אַז אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ זֵיי צוּ עֶרְצִיעֶן, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

נָאכְאַמָאל, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן קָאנְטְרִי.

...

## טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דִי לִיבְּשַׁאפְט זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיבּ אִיר וֶוערְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע וֶוען אִיר וֶועקְט אוֹיף אַייעֶר מַאן אוּן עֶר שְׁרֵייט אוֹיף אַייךְ שְׁלָאפֶעדִיגֶערְהֵייט: "לָאז מִיךְ אָפּ!" וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן.

בֶּאֱמֶת וָואלְט עֶס אַייךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט שְׁטֶערְן, וַוייל אַז אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיי אַייךְ אִיר זָאלְט אִים וֶועקְן, אוּן עֶר קֶען זָאגְן וֶוערְטֶער אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן: "לָאז מִיךְ אָפּ!" דָאס אִיז נִישְׁט בְּכַוָּנָה, דָאס אִיז נִישְׁט אַייךְ וֵויי צוּ טוּן, אִיר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט צוּטוּן מַאכְן, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ יָא אוּן עֶס קִילְט אָפּ דִי לִיבְּשַׁאפְט - זָאלְט אִיר זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דִי לִיבְּשַׁאפְט זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן.

אִיר הָאט אַ וואוּילֶער מַאן, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אוּן אִיר זֶענְט אַ וואוּילֶע פְרוֹי, אַ צַדֶיקֶת; אִיר דַארְפְט לֶעבְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט פְרַיינְטְשַׁאפְט, אוּן נִישְׁט אַריינְלָאזְן דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם וָואס וִויל נָאר אָפְּקִילְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען וואוּינֶען אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יִיַּשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר זָארְגְן אַז מַיינֶע בְּגָדִים זָאלְן זַיין גוּט;

פַארְ׳ן טְרָאגְן מַיין רֶעקְל צוּם שְׁניידֶער, אוּן פַארְ׳ן מִיר קוֹיפְן נַייעֶ שַׁבָּת׳דִיגֶע הוֹיזְן.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר דֶעם.

אִיךְ פָאר הַיינְט צוּרִיק קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג; מִיר גְלִיסְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּרִיק צוּ גֵיין אִין שְׁטָאט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קי:): "יְשִׁיבַת כְּרַכִּים קָשָׁה", עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת; הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אוֹיךְ מַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט צוּרִיק פָארְן, זִי ווִיל דָא בְּלַייבְּן, אוֹיךְ דִי קִינְדֶער לֶעבְּן דָא אַ חַיִּים טוֹבִים.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל קֶענֶען קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### לָאזְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַייךְ קַיין שׁוּם שׁוּלְד גֶעפִיל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ט׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען מִיטְ׳ן פַּאקְן אוּן פָארְן, דָאךְ מוּז אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיר וֶוערְט גֶעפַּיינִיגְט וְכוּ׳.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, עֶפֶּעס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַייעֶר מַאמֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה. וֶוען זִי רֶעדְט צוּ אַייךְ זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן, וֶוען זִי מַאכְט אַייךְ שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג, זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן. אִיר זֶענְט זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב, אִיר זֶענְט אַ גְרוֹיסֶע צַדֵּיקֶת; לָאזְט נִישְׁט אַרַיין אִין אַייךְ קַיין שׁוּם שׁוּלְד גֶעפִיל.

דִי גַאנְצֶע קָאפְּוֵויי וָואס אִיר הָאט - אִיז אַלֶעס פוּן דִי פַּרְשָׁה וְכוּ׳; בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, זַייט פְרֵיילִיךְ מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה. אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן אוּן אִיר זֶענְט טֵייעֶר, אוּן דִי אַלֶע וָואס שְׁטֶעכְן אַייךְ אוּן טוּעֶן אַייךְ וֵויי, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי אוֹיסְהֵיילְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען מוּז טוּן וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן. קְלֵיינֶע קִינְדֶער לֶערְנְט מֶען אַזוֹי אוֹיס, מֶען מוּז פָאלְגְן עֶלְטֶערְן. נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אֲפִילוּ פַאר דִי חֲתוּנָה, וֶוען מֶען אִיז עֶלְטֶער אוּן מֶען הָאט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְן אוּן עֶלְטֶערְן קְרִיכְן אַרַיין אִין דִי קִישְׁקֶעס "מַאךְ אַזוֹי", "טוּ אַזוֹי" - דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אִיךְ צִיטֶער אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ אָנְהוֹיבְּן בַּאשׁוּלְדִיגְן.

גֵייט שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְס אִים אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אַייעֶר מַאמֶע זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע זַאךְ מַאכְט אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶע רַעשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

נֶעמְט זִיךְ פָאר אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד אַייעֶר יוֹם הוּלֶדֶת, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן נָאךְ זַיין מַאמֶע'ס פְּטִירָה וָואס עֶר זָאל טוּן לְטוֹבַת אִיר נְשָׁמָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאג דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר מִיט כַּוָונָה לְטוֹבַת אִיר נְשָׁמָה"; אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע זַאךְ מַאכְט אִין הִימְל אַ גְרוֹיסֶע רַעשׁ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים אוֹיבּ אִיר קֶענְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים; זוּנְטָאג יוֹם רִאשׁוֹן, מָאנְטָאג יוֹם שֵׁנִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אַז אִיר קֶענְט זָאגְן נָאר אַבִּיסְל - זָאגְט אַבִּיסְל.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַנְטְלוֹיף פוּן פְּרִישׁוּת, הַלְוַאי זָאלְן מִיר זַיין פָּשׁוּט'עֶ אִידְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וַוארְף אַרוֹיס דֶעם סֵפֶר פוּן שְׁטוּבּ; מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם סֵפֶר פוּן שְׁטוּבּ. דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר הָאט אִינְזִין גֶעהַאט לְשֵׁם שָׁמַיִם, אָבֶּער דָאס מַאכְט גְרוֹיסֶע חֻרְבָּנוֹת.

בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן פְּרִישׁוּת; הַלְוַאי זָאלְן מִיר זַיין פָּשׁוּט'עֶ אִידְן, טוּן רָצוֹן הַשֵּׁם, טוּן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. פְּרִישׁוּת אִיז פַאר צַדִּיקִים, פַאר מַלְאָכִים; מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען, הַלְוַאי זָאלְן מִיר פָּשׁוּט'עֶ אִידְן מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת פוּן בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ׳: ״קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת״; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶרְ'ן דִי הֲלָכוֹת וְכוּ׳, דָאס גוּט קֶענֶען - כְּדֵי נִישְׁט צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן אִין דִי הֲלָכוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ׳.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת פוּן דְבָרִים שֶׁהַצְּנִיעוּת יָפֶה לָהֶם; אוֹיבּ דוּ שְׁפִּירְסְט אַז עֶס פֶעלְט דִיר אִין דֶעם עִנְיָן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זוּךְ אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס זָאל דִיךְ מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זָאגְט מֶען זָאל לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד דָאס בִּיסְל צַייט בִּיז׳ן שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וַוארְטְס מִיט גֶעדוּלְד, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ וַוארְטְן דָאס בִּיסְל צַייט בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ שִׁיקְן אַייעֶר שִׁידוּךְ; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיר שְׁפִּירְט ווִי אִיר קֶענְט נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיר קֶענְט פָּשׁוּט נִישְׁט מֶער; דָאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, וַוארְטְס מִיט גֶעדוּלְד.

גֵייט נִישְׁט צְוִוישְׁן בָּחוּרִים אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט בָּחוּרִים אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי, זוּכְט זִיךְ נִישְׁט קַיין צָרוֹת, עֶס נֶעמְט אֵיין רֶגַע אוּן מֶען קֶען פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט; אֵיין בְּלִינְק מִיט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס. לֵיידֶער אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ וֶוערְן אַזוֹי פַּארְפַאלְן, וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל אָדֶער אַ שֵׁיינֶע וָוארְט וְכוּ׳.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְּרֵיילִיךְ, בֶּעטְס אִים אִיר זָאלְט קֶענֶען הִיטְן שַׁבָּת, בֶּעטְס אִים אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוֹיס צוּ וַוארְטְן בִּיז אַייעֶר שִׁידוּךְ קוּמְט. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל וָואס קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן - וֶוערְט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס קוּמְט אוּן הֶערְט אוֹיס דִי גֶעבֶּעט, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ יְשׁוּעָה.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### דַיין שֵׁיינֶע צֶעטְל אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט ווִי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶר הָאט מִיט דִיר אָפְּגֶעמַאכְט, הֱיוֹת דוּ דַאוֶוענְסְט שׁוֹין פְּרִיעֶר, דוּ הָאסְט שׁוֹין בַּר מִצְוָה גֶעהַאט, דוּ דַאוֶוענְסְט מִיט מִנְיָן; אִיז בְּשָׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוֶוענֶען אִין חֵדֶר - דֶעמָאלְט לֶערְנְסְטוּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דוּ לֶערְנְסְט מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא. דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר בַּאווִיזְן דֶעם צֶעטְל, דֶעם חֶשְׁבּוֹן וואוּ דוּ צֵייכְנְסְט זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיף יֶעדְן טָאג ווִיפִיל דוּ לֶערְנְסְט; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען דַיין צֶעטְל אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה.

... טַייעֶרֶער, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט אִין שְׁטוּב אוֹיךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דוּ זָאלְסְט פָּאלְגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ; אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן גְרוֹיס נַחַת.

קוּמֶענְדִיגֶע מָאל אִיךְ קוּם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ קוּמֶען אִין חֵדֶר עֶנְק בַּאזוּכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן בְּקָרוֹב אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין לַחַץ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה", וֶוער עֶס וֶוערְט

צֶעדְרוּקְט פוּן דִי צַייט, עֶר זָאגְט ׳יֶעצְט מוּז אִיךְ הָאבְּן וָואס אִיךְ בֶּעט׳, ׳יֶעצְט מוּז גֶעשֶׁען וָואס אִיךְ דַארְף׳, "הַשָּׁעָה דוֹחַקְתּוֹ", וֶועט עֶר צֶעדְרוּקְט וֶוערְן, עֶר וֶועט אַלֶעס פַארְלִירְן.

נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּכִים טוֹבִים וְהַגּוּנִים", דוּרְךְ תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידּוּכִים; דָאס אִיז דִי עֵצָה סַיי פַּאר אַ בָּחוּר, סַיי פַּאר אַ מֵיידְל וָואס וַוארְטְן אוֹיף זַייעֶר שִׁידּוּךְ, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידּוּךְ שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג"**; מִיט תְּפִלָּה פּוֹעֶל׳ט מֶען אַ שִׁידּוּךְ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן שְׁרַייבְּט מִיר אַייעֶרֶע סִיוּמִים.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## טוּ נִישְׁט וֵויי דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דַיין וַוייבּ, זִי וַוארְט אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען צַייטְלִיךְ, זִי וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן דָאס בִּיסְל צַייט; גֶעבּ אַכְטוּנְג, זַיי אִיר נִישְׁט מְצַעֵר אוּן מַאךְ אִיר נִישְׁט וֵויינֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (כְּתוּבּוֹת סב:) רָבָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רַב רְחוּמִי, עֶר פְלֶעגְט לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר בַּיי רָבָא אִין יְשִׁיבָה אוּן אַהֵיים קוּמֶען עֶרֶב יוֹם כִּפּוּרִים, אֵיין מָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְלֶערְנְט אוּן דַיין וַוייבּ הָאט גֶעוַוארְט, זִי הָאט אַ גַאנְצְן צַייט גֶעטְרַאכְט: "הַשְׁתָּא אָתִי", יֶעצְט קוּמְט עֶר שׁוֹין: "הַשְׁתָּא אָתִי", יֶעצְט קוּמְט עֶר שׁוֹין, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען. עֶס הָאט אִיר זַייעֶר וֵויי גֶעטוּן "אַחִית דִמְעָתָא מֵעֵינָהּ", זִי הָאט אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ טְרֶער פוּן אִירֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ, עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

אַ שְׁרֶעק פוּן אַ מַעֲשֶׂה, אַ צַדִיק זִיצְט אוּן לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה בַּיי זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי רָבָא, עֶר פַארְלֶערְנְט זִיךְ אוּן עֶר בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶש, פַארְוָואס? ווייל זַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף אִים, זִי מֵיינְט יֶעדֶע רֶגַע אַז עֶר קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים בִּיז זִי הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען.

דָאס אִיז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען; כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, מֶען פַארְשְׁמוּעֶסְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים, מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין אָפִּיס אָדֶער אִין קַאר מִיט'ן טֶעלֶעפָאן אוּן דִי וַוייבּ מֵיינְט יֶעדֶע רֶגַע אַז מֶען קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה אוּן זוּנְטָאג אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה. אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס שֶׁענֶערְס פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אִין שׁוּל, עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי שִׂמְחָה, עֶס אִיז מָלֵא טַעַם. דִי עֶלְטֶערֶע דוֹר, דִי עֶלְטֶער זֵיידֶעס אוּן עֶלְטֶער בַּאבֶּעס, וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּ אַ חֲתוּנָה אִין שׁוּל - הוֹיבְּן זֵיי אָן וֵויינֶען פוּן שִׂמְחָה, זֵיי דֶערְמַאנֶען זִיךְ פוּן דֶער אַלְטֶער הֵיים; אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין אַלֶע דוֹרוֹת, מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין שׁוּל, דִי חוּפָּה אִיז גֶעוֶוען אִין חָצֵר פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, דֶער זֵיידֶע פוּנֶעם רַךְ הַנִּמּוֹל אִיז גֶעוֶוען פֶערְצִיג יָאר מְשַׁמֵשׁ בַּקוֹדֶשׁ בַּיים טָאהשֶ'ער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט בַּיים בְּרִית: "'כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לִבְרִית כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה', מֶען וואוּנְטְשְׁט דֶעם טַאטֶ'ן, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית אָן קַיין חוֹבוֹת, אַ סְעוּדַת בְּרִית צוּ מַאכְן אִיז נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, 'כֵּן יִכָּנֵס לַתּוֹרָה וּלַחוּפָּה', אַזוֹי זָאל זַיין דִי בַּר מִצְוָה אוּן דִי חֲתוּנָה".

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַ קְלוּגֶע פְרוֹי שְׁטֶעלְט אוֹיס דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט מִיט אַ סֵדֶר**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט, וֶוען אִיר זֶענְט אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ אַייעֶר אַרְבֶּעט וְכוּ' כוּ' - אוֹיף וָואס זָאלְט אִיר צִילְן זָאל גֶעטוּן וֶוערְן דָאס עֶרְשְׁטֶע; דִי וִויכְטִיגְסְטֶע אִיז, וֶוען אַייעֶר מַאן קוּמְט אַהֵיים - זָאל עֶר הָאבְּן וָואס אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין מוֹיל, דָאס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע. אִיר דַארְפְט נִישְׁט צִילְן אוֹיף פֶענְסִי עֶסְן, זִיךְ אָנְטוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אָדֶער דִי שְׁטוּבּ זָאל שְׁפִּיגְלֶען, וַוייל דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע אִיז אַז אַייעֶר מַאן זָאל עֶסְן אוּן זַאט וֶוערְן, נָאכְדֶעם קֶען מֶען אִינְאֵיינֶעם צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ אוּן מֶען קֶען אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן.

אַ קְלוּגֶע פְרוֹי שְׁטֶעלְט אוֹיס דִי שְׁטוּבּ מִיט אַ סֵדֶר, מֶען מַאכְט זִיךְ גְרִינְג, מֶען לָאזְט נִישְׁט זַאכְן אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט. אֵיידֶער מֶען גֵייט שְׁלָאפְן טְרַאכְט מֶען שׁוֹין פוּן מָארְגְן; וָואס גֵייט מֶען עֶסְן מָארְגְן? מֶען נֶעמְט שׁוֹין אַרוֹיס פַארְפְרוֹירֶענֶע פְלֵייש וְכַדוֹמֶה עֶס זָאל זַיין גְרֵייט אִינְדֶערְפְרִי צוּ קֶענֶען קָאכְן.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיטְ'ן רֵיין מַאכְן דִי שְׁטוּבּ; מֶען וַוארְט נִישְׁט בִּיז עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן ווִי אַ מִלְחָמָה, מֶען רוֹימְט אַבִּיסְל דָא, אַבִּיסְל דָארְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען גֵייט הָאבְּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג אַ רוֹימֶערְקֶע - לֶעבְּט מֶען נִישְׁט מִיט הֶפְקֵרוּת, מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי שְׁטוּבּ גֵיין אוֹיף רֶעדֶער מִיטְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז שְׁפֶּעטֶער אִין וָואךְ וֶועט דִי רוֹימֶערְקֶע רֵיין מַאכְן.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי וֶועשׁ; מֶען וַוארְט נִישְׁט בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין קְלֵיידֶער, מֶען לֶעבְּט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט חֶשְׁבּוֹן.

הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען מַאכְן בִּשְׁעַת מֶען טוּט דִי אַרְבֶּעט; בַּיים קָאכְן, וַואשְׁן אוּן רוֹימֶען - קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף.

אוֹיךְ אִיז גוּט אָנְצוּצִינְדְן לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים בַּיים טוּן דִי אַרְבֶּעט; אַזוֹי גֵייט אַלֶעס גְרִינְגֶער, וַוייל מִיט שִׂמְחָה גֵייט אַלֶעס גְרִינְגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען דַארְף זִיךְ רֵיינִיגְן מִיט תִּקּוּנֵי זוֹהַר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, סַיי יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז סֵפֶר הַתִּקּוּנִים וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס, עֶס רֵיינִיגְט דִי נֶפֶשׁ, רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

בִּפְרַט דֶער וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - דַארְף עֶר גְרוֹיס רַחְמָנוּת עֶר זָאל נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן גֵיין; דַארְף מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן מִיט תִּיקוּנִים.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, אַהֵיימְגֵיין הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ נֵייעֶ דֶערְהֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן הָרַב רֶבִּי יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, עֶר הָאט אַלֵיינְס מִיט גֶעהַאלְטְן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שְׁטוּבּ, אִין דִי צַייט וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וִוי מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, וִוי עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פָּארֶען מִיט זֵיי.

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ דִי חֲתוּנָה צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת - הָאט אוֹיךְ גֶעהָאלְפְן אִין שְׁטוּבּ; אִיז דָאךְ אַוַודַאי מִיר פָּשׁוּט'ֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס מִיר זֶענֶען פַארְנוּמֶען רוֹב טָאג מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן בַּטְלְ'נֶען דִי צַייט, דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן; מִיר דַארְפְן אַהֵיים גֵיין הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער.

אַ פְרוֹי אַז זִי בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אוּן זִי דַארְף זִיךְ פָּארֶען אַלֵיינְס - קֶען זִי אִיבֶּערְרַייסְן דִי נֶערְוֶוען חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, יָפָה שָׁעָה אַחַת קוֹדֶם; עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְפְן פְרִיעֶר אַז עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קֵיין שְׁלֶעכְטֶס.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ וֶוערְן רַייךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרוּקְלִין**

אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת אִיז "זַיין פְרֵיילִיךְ", נִישְׁט לָאזְן דִי עַצְבוּת פַאר קַיין אֵיין רֶגַע; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְן (מִשְׁלֵי י, כב): "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר", דִי בְּרָכָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט רַייךְ, "וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ". קֶען זַיין פְּשַׁט, וֶוען אִיז דָא דִי "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר", וְוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכָה פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זַיין רַייךְ? וֶוען עֶס אִיז: "וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לָאזְט נִישְׁט בַּיי זִיךְ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

וֶוער עֶס שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי דַאֲגוֹת אוּן עַצְבוּת, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אוּן וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער; זַיין גֶעלְט, זַיין אַרְבֶּעט, זַיין אַלֶעס – אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט דִי עַצְבוּת זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף אִים, דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר", דֶער וֶוערְט רַייךְ; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דוּ בֶּעטְסְט שְׁטֶענְדִיג אִיךְ זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט עֲשִׁירוּת; זַיי פְרֵיילִיךְ – וֶועסְטוּ וֶוערְן רַייךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### וָואס הָאט מֶען פוּן גֶעלְט, אוֹיבּ קוּמְט עֶס מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דִי גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר אִיז אַלֶעס; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת, נִישְׁטָא קַיין עַצְבוּת; דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי י, כב): "בִּרְכַּת ה' הִיא תַעֲשִׁיר", דִי בְּרָכָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט רַייךְ, "וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ". קֶען זַיין פְּשַׁט, דָאס אִיז דִי רַייכְקֵייט; אַז מֶען לֶעבְּט אָן עַצְבוּת, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה! אַ מֶענְטְשׁ קֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, אוֹיבּ לֶעבְּט עֶר מִיט עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, וָואס הָאט עֶר

פוּן זַיין גֶעלְט... אוֹיבּ אִיז עֶר אַריינְגֶעטוּן אִין דִי גֶעלְט, מַאכְט אִים דִי גֶעלְט מֶער פַּרְאבְּלֶעמֶען. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג): "אֵלּוּ הַמְשֻׁקָּעִים בְּמָמוֹן, כָּל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ עֲשִׁירוּת יוֹתֵר, יֵשׁ לוֹ דְּאָגוֹת וְעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה בְּיוֹתֵר", קוּמְט אוֹיס, אַז עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין עֲשִׁירוּת, נָאר דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אָן קַיין עַצְבוּת - דֶער אִיז רַייךְ; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס רֵיינִיגְט אוּנְז פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְאִי אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה", פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן, "כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", נָאר דֶער צַדִּיק - עֶר רֵיינִיגְט פוּן דִי תַּאֲוָה.

אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה - וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מְלַמְּדִים דַארְפְן זַיין יִרְאֵי שָׁמַיִם אוּן אוֹיךְ אוֹיסְזֶען ווִי יִרְאֵי שָׁמַיִם

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זִינְג מִיט דִי קִינְדֶער: "אַ מְחַיֶּ' קַאפְּל, אַ מְחַיֶּ' צִיצִית"; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס מְחַיֶּ' זַיין מִיט אַ קַאפְּל אוּן צִיצִית; אִיךְ ווִיל מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן לִיבּ אִידִישְׁקֵייט. דַיין קְלֵיינֶע קַאפְּל גֵייט נִישְׁט מִיט מְלַמְּדוּת, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "מְלַמְּדִים דַארְפְן זַיין יִרְאֵי שָׁמַיִם אוּן אוֹיךְ אוֹיסְזֶען ווִי יִרְאֵי שָׁמַיִם".

אַזוֹי אוֹיךְ בֵּיי דִי מֵיידְלֶעךְ אִין בֵּית פֵיגָא קֶען אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען נָאר ווַייבְּלֶעךְ וָואס גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל. פַארְשְׁטֵייסְט אַלֵיינְס, אַ פְרוֹי וָואס גֵייט דִי לֶענְג פוּן אִיר קְלֵייד פִּינְקְט אַזוֹי לַאנְג (אַזוֹי קוּרְץ) מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן עֶס אִיז פְּרִיצוּת - קֶען קַיין טִיטְשֶׁער נִישְׁט זַיין, אַ טִיטְשֶׁער דַארְף זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל.

מַאך זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט דִי קְלֵיינֶע קַאפְּל, לָאז דָאס אִיבֶּער פַּאר קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ, דוּ הָאסְט מֶער שֵׂכֶל פוּן דֶעם. קוּק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "אִי הֲווֹ סָנוּ טְפֵי הֲווֹ גְּמִירִי", וָואלְטְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעפִּיצְט וָואלְטְן זֵיי מֶער גֶעקֶענְט לֶערְנֶען; לָאז דַיין וַוייבּ זִיךְ שֵׁיין מַאכְן אוּן זִיךְ אוֹיסְפִּיצְן, דוּ גֵיי אָנְגֶעטוּן ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

## מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלוֹת, עֶס מַאכְט פְרֵיי דֶעם מֹחַ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק מִיט לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת - וֶוערְט פְרֵייילִיךְ"; מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלוֹת, עֶס מַאכְט צוּפְרִידְן, עֶס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, עֶס וֶוערְט אִין מֹחַ אַ פְרֵייהֵייט, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע צִמְצוּמִים, "וְסִימָנָךְ מַתְנִיתָא מַלְכְּתָא" (כְּתוּבּוֹת סא:).

אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט מֶער נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה; יֶעצְט וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט פַאר שִׁידּוּכִים אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג צוּ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הֶערְן גוּטֶע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן. מֶען דַארְף בְּרֶעכְן דִי מְנִיעוֹת; אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, זֵיי בְּרֶעכְן דִי מְנִיעוֹת פוּן מִשְׁפָּחָה, דַארְפְן דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְן נִישְׁט קַיין מְנִיעוֹת, זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן חַלֶשְׁ'ן זֵיי זָאלְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, דַארְפְן דִי בָּחוּרִים צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע מְנִיעוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ אַ חָתָן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**כָאטְשׁ דִי אֵיינֶע זַאךְ פּוֹעֵלְ'ן, מֶען זָאל לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין יַבְנְאֵל מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעבֶּעטְן אִין דִי טֶעגְלִיכֶע בְּרִיוו מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ בַּארוּמְט אַז אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא כַּךְ וְכַךְ מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וָואס לֶערְנֶען פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, מֶען זֶעט אִין דִי בְּרִיוו ווִי עֶס גֵייט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אִין לֶעבְּן אַז יֶעדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

אִיךְ בֶּעט זִיךְ אוֹיךְ, אָבֶּער אִיךְ דַארְף נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן אַז מַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט נָאר דָאס אֵיינֶע זַאךְ כָאטְשִׁיג פּוֹעֵלְ'ן, מֶען זָאל לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אָדֶער בְּחַבְרוּתָא, אָדֶער גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר, אוּן אַז נִישְׁט מִיט אַ שִׁיעוּר, אוּן נִישְׁט מִיט אַ חַבְרוּתָא - כָאטְשׁ לֶערְנֶען פַאר זִיךְ, אָדֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

נָאר דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; סְטֶעטוּס, פֶּעיסְבּוּק, סְנֶעפּ-טְשֶׁעט, טִיק-טַאק, טְוִויטֶער - דִי זַאכְן אִיז נָאר צַייטְוֵוייליג.

זַיי שְׁטַארְק, קוּם צוּם שִׁיעוּר אוּן מַאךְ אַן הִתְעוֹרְרוּת אַז אַלֶע אַבְרֵכִים פוּן דִי קְהִילָה זָאלְן קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**סוֹף יָאר אִין אָנְהוֹיבּ יָאר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי זִיךְ פוּן וָואס אִיךְ זֶע דִי לֶעצְטֶע וָואךְ בַּיי דִיר, עֶס אִיז אַרַיין אִין דִיר אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט, דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה; אִיךְ זֶע דִיר אַ גַאנְצְן צַייט אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ סֵפֶר, אָדֶער אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת; אַנְשְׁטָאט זִיצְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן - זִיצְטוּ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוֹיךְ זֶע אִיךְ אַז דוּ דַאוֶוענְסְט עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ אַ נַחַת אוּן אַ פַארְגֶענוּגְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אַזוֹי וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

כַאפּ זִיךְ אָן אִין רֶבִּי'ן, בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה. יֶעדֶע סוֹף יָאר אִין אָנְהוֹיבּ יָאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט שְׁטַארְקְן צוּ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה, וֶוען מֶען זֶעט אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים מַאכְן חוֹזֶק, זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס, זֵיי רֶעדְן צוּ נָאךְ בָּחוּרִים נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען וְכוּ'.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְק אָנְכַאפְּן בַּיים רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, מִיטְ'ן קוֹבֵעַ זַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער לִיכְטִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז פַאר דִי קְהִילָּה אַ כָּבוֹד צוּ הָאבְּן אַזַא טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין חֵן הַמָּקוֹם בַּיי דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, דִי שְׁטֶעטְל זָאל דִיר הֶעלְפְן וֶוערְן אַ בֶּעסֶערֶער אִיד.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל. קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל מִי אוּן פְלָאג אִיךְ לֵייג אַרֵיין אִינֶעם שְׁטֶעטְל, עֶס זָאל זַיין אַ פְלַאץ פוּן תּוֹרָה וְיִרְאָה, אַ פְלַאץ פוּן אֱמוּנָה.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ מִיט אַ חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, לְכַתְּחִילָה אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוֶונֶען; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט): "אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה", אִיךְ וואוֹין נָאר אִין אַ פְלַאץ פוּן תּוֹרָה; פְּשַׁט אִיז נָאךְ מֶער, "אֵינִי דָר", עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַ פְלַאץ זָאל מַצְלִיחַ זַיין, "אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה", אוֹיךְ וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן גָאר גוּט, דֶער טָאג וֶועט דִיר שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## פְלַאנְץ אַיין תְּמִימוּת צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךְ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט. אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ", וִוי גְרֶעסֶער מֶען אִיז, "יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", הָאט מֶען אַ גְרֶעסֶערֶער יֵצֶר הָרָע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן עב) וֶוער אִיז אַ "גָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ"? דֶער וָואס הָאט אַ צַדִּיק; וִוי נֶענְטֶער מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק - דַארְף מֶען מֶער חִיזּוּק, עַיֵּין שָׁם.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פְלַאנְץ אַיין תְּמִימוּת צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט. יֶעצְט אִיז אַ מִלְחָמָה, דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג) דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר פְלַאנְצְט אַיין זַיינֶע קְנֶעכְט זֵיי זָאלְן אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי מְדִינָה נִיבּוּל פֶּה מִיט לֵיצָנוּת, דָאס מַאכְט קַאלְיֶע דִי טַעַם, רֵיחַ וּמַרְאֶה; דַארְפְן

מִיר אַיינְפְלַאנְצְן תְּמִימוּת און קְדוּשָׁה, דִי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם. וֶוען זֵיי הֶערְן עֶפֶּעס לֵיצָנוּת אָדֶער נִיבוּל פֶּה זָאל מֶען יֶענֶעם אָנְכַאפְּן און אִים פַארְטְרַייבְּן; קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אִיךְ וִויל זַיין אִינְפָארְמִירְט מִיט אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר אִינְפָארְמִירְט מִיר יֶעדְן טָאג מִיט אַלֶע פְּרָטִים פוּן דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ וִויל וִויסְן יֶעדֶע פְּרַט. אַזוֹי זָאלְט אִיר וַוייטֶער טוּן, פְרֶעגְט נִישְׁט קֵיינֶעם זֵייעֶר דֵעָה, אִיר זָאלְט פָאלְגְן. שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדְן טָאג בְּקִיצוּר יֶעדֶע פִּינְטְל, יֶעדֶע בְּרֶעקְל - וָואס טוּט זִיךְ אִין דִי מוֹסָד.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מְוַתֵּר אוֹיף אַלֶעס, אַבִּי זֵייעֶרֶע מֶענֶער זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סב.): ״נְשׁוֹתֵיהֶן שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים״, דִי פְרוֹיעֶן פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ״שֶׁמְנַדְּדוֹת שֵׁינָה מֵעֵינֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶה״, וָואס גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דֶער מַאן זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וּבָאוֹת לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא״, דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא; עֶס וַוארְט אַייךְ אַ שֵׁיינֶעם פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן פַארְ׳ן מְחַזֵק זַיין אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### הַנְהָגוֹת אוֹיף עֶרֶב שַׁבָּת אוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

גְרֵייט זִיךְ אָן עֶרֶב שַׁבָּת צוּ מְקַבֵּל זַיין שַׁבָּת בְּשִׂמְחָה; נָאךְ חֲצוֹת זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט מַאכְן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט - נָאר מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת.

גֵיי פְּרִי אִין מִקְוֶה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט זִיךְ אִין מִקְוֶה, זַיי מְחַנֵךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין מִקְוֶה; נִישְׁט רֶעדְן אִין מִקְוֶה, אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ אוֹיסְטוּן אוּן אָנְטוּן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

לֵייג זִיךְ אַרָאפּ שְׁלָאפְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי סְעוּדָה לֵיל שַׁבָּת וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶערוּט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט; בְּרֶען אָפּ דִי לֶעכְט אוּן בִּשְׁעַתְ׳ן אָנְגְרֵייטְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי בַּיים צִינְדְן אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ בֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים אָנְגְרֵייטְן דִי לֶעכְט - אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ בֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

וֶוען דַיין וַוייבּ צִינְדְט דִי לֶעכְט זָאלְסְטוּ זָאגְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ שִׁיר הַשִּׁירִים; אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער לֶערְן אוֹיס צוּ זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, הַגָּדוֹל לְפִי גָּדְלוֹ וְהַקָּטָן לְפִי קָטְנוֹ.

לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ קִישְׁן דִי מַאמֶע׳ס הַאנְט נָאכְן לִיכְט צִינְדְן, אוּן זָאגְן גוּט שַׁבָּת.

קוּם אִין שׁוּל מִיט דִי קִינְדֶער, אָבֶּער נָאר אַז דוּ הַאלְסְט זֵיי נֶעבְן דִיר אַ גַאנְץ דַאוֶונֶען. גְרֵייט אָן גוּטֶע נַאשׁ, אוּן פַאר דִי גָאר קְלֵיינֶע בְּרֶענְג אַפָּאר קְלֵיינֶע שְׁפִּילְצֵייגְן, אוּן לֶערְן זֵיי אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן "אָמֵן", "בָּרְכוּ". דִי עֶלְטֶערֶע קֶענֶען שׁוֹין זָאגְן "וְשָׁמְרוּ" אוּן זִינְגֶען "לְכָה דוֹדִי"; דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען שׁוֹין דַאוֶונֶען - זָאלְן מִיט דַאוֶונֶען.

לָאז נִישְׁט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר; זַיי מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער - וֶועסְטוּ הָאבְן שְׁפֶּעטֶער שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

בְּלַייבּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן נָאכְן דַאוֶונֶען. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, עֶס שְׁטֵייעֶן דִי

הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים, זֵיי וַוארְטְן צוּ בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בִּיזְן שְׁטוּבּ. עֶס פַּאסְט נִישְׁט מֶען זָאל זֵיי לָאזְן וַוארְטְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שְׁמוּעֶסְן. גֵיי אַהֵיים, זִינְג "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם", "רִבּוֹן הָעוֹלָמִים"; דִי תְּפִלָּה פוּן "מוֹדֶה אֲנִי" אִיז דָאךְ אַזַא הַארְצִיגֶע תְּפִלָּה, מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְבֶּעטְן, מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹי בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן דִי תְּפִלָּה מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן.

זִינְג אֵשֶׁת חַיִל; דֶער לוֹיבּ פוּן אֵשֶׁת חַיִל דָאס אִיז אַ לוֹיבּ פַּאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס רוּט צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וּבִפְרַט בַּיים צַדִּיק, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מַאךְ אַ בְּרָכָה אוֹיף הֲדַסִּים אָדֶער בְּשָׂמִים. אֵיידֶער דוּ הוֹיבְּסְט אָן קִידוּשׁ זָאלְסְטוּ אַרַיינְקוּקְן אִינֶעם בֶּעכֶער, דָאס אִיז אַ תִּיקוּן פַּאר דִי אוֹיגְן.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן, יֶעצְט דַארְף אִיךְ גֵיין פַּארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

שַׁבָּת זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### גֶעבּ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע נְסִיעָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", וֶוען עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶם טָאג, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אַלֶעס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ,

ווייל אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז אַלֶעס וָואס פִּירְט זִיךְ, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אִיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

נֶעם זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת אוּן נָאךְ סְפָרִים. עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וֶוען מֶען פָּארְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אִין לוּפְט פֶעלְד אוּן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, מֶען פָּארְט מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה; יֶעדֶער לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מֶען אִיז נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים תְּמִידִים.

אִיךְ פָאר אִם יִרְצֶה ה' הַיינְט נַאכְט; דֶער פְּלַאן אִיז אַז מִיר קוּמֶען אָן מִיטְוָואךְ נָאכְמִיטָאג קַיין רֵישָׁא, פוּן דָארְט פָארְן מִיר קַיין לִיזֶענְסְק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי דִי כּוֹחוֹת צוּ פּוֹקֵד זַיין בַּיים צִיוּן אוּן זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דְרֵיי מָאל מִיט מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין לִיזֶענְסְק; דִי הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה דָארְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

גֶעבּ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע נְסִיעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן לַייכְט אוּן שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר פָאהְרְן צוּם רֶבִּי'ן, מִיר זֶענֶען יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן; דִי נְסִיעָה לַייכְט אוּן שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצא): "אִיךְ וואוּנְטְשׁ מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי וֶועגְן וָואס אִיר פָארְט אוֹיף זֵיי צוּ מִיר"; יֶעדֶע טְרִיט, יֶעדֶע רִיר וֶוערְט בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים רֶבִּי יוּדְל אוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶוען זֵיי פְלֶעגְן פָארְן פוּן דַאשׁוֹב קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע (שָׁם): "מִיט יֶעדֶע טְרִיט וָואס אִיר קוּמְט צוּ מִיר - וֶוערְט בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ".

זִינְג אוּן טַאנְץ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; זִינְג אוּן טַאנְץ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז, אַ רֶבִּי וָואס זָארְגְט פַאר אוּנְז. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ נַאכְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת: "מַה לָּכֶם לִדְאוֹג", וָואס הָאט אִיר זִיךְ צוּ זָארְגְן, "מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם", נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ גֵיי פַאר עֶנְק; דֶער רֶבִּי גֵייט פַאר אוּנְז, דֶער רֶבִּי מַאכְט שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט אוּנְז, כְּמוֹ שֶׁאָמַר (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצג): "אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְנֶע, אוּן אִיךְ בָּאוֶוע דֶערְפוּן בִּנְיָנִים".

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְן וֶוען מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אִין אוּמַאן אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס - דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען שׁוֹין כִּמְעַט אָן צוּם רֶבִּי'ן; טוֹיזְנְטֶער אִידְן שְׁלֶעפְּן זִיךְ פוּן

אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוֹן.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין; אַזוֹיפִיל מִי אוּן פְּלָאג הָאבְּן מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט הֵיי יָאר צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אַזוֹיפִיל גֶעלְט הָאבְּן מִיר גֶעצָאלְט צוּ קֶענֶען זַיין הֵיי יָאר, אַ הִיסְטָארִישֶׁע יָאר - בַּיים רֶבִּי׳ן. יֶעצְט וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן אִין אוּמַאן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, מֶעק אוֹיס אַלֶע אַדְרֶעסְן פוּן אוּמַאן, אִין אוּמַאן אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס - דֶעם רֶבִּינְ׳ס צִיוּן.

גֵיי צוּם צִיוּן, נֶעם אַ תְּהִילִים אוּן זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס; לֵייג אַרָאפּ דַיין פֶּעקְל פְּרָאבְּלֶעמֶען, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיוּן בִּיז ווִילַאנְג דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶע׳פּוֹעֶלְ׳ט.

אִיךְ פָּאר יֶעצְט אַוֶועק פוּן לִיזֶענְסְק קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל, דָארְט פָּארְן מִיר מִיטְ׳ן בַּאן קַיין וִוינִיצֶע, אוּן פוּן דָארְט קַיין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר זָאלְט אִיר נָאר טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ טְרַאכְטְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ קְלַאפְּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט גוּט וְכַדוֹמֶה, לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר זָאלְט אִיר נָאר טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד), נָאר אֵיינְמָאל אַ טָאג זָאלְן מִיר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף

תְּשׁוּבָה טוּן; אָבֶער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען נָאר זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ, נָאר קוּקְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ.

אִיר הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל, אִיר הָאט גֶעשִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן - זָאלְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן; אַייעֶר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, צוּם גְרֶעסְטְן רוֹפֵא, צוּם גְרֶעסְטְן צַדִּיק; דֶער רֶבִּי וֶועט זִיךְ זָארְגְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

נָאר פְרֵיילִיךְ; תשפ"ג אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת תְּ'הֵא שְׁ'נַת גָ'אר פְ'רֵיילִיךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### לוֹיף צוּם צִיּוּן אוּן בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו פָארְנְדִיג קַיין אוּמַאן, וַוייל אִיךְ זֶע דַיין וֵוייטָאג וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט שׁוֹין דַיין שִׁידוּךְ, וִוי דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זֵיי נִישְׁט נַארִישׁ, יֶעצְט וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן קַיין אוּמַאן - לוֹיף צוּם צִיּוּן אוּן בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי אִיז דֶער שַׁדְכָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אִין חָלוֹם 'וָואס אִיז מַיין פַּרְנָסָה?' הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "דַיין פַּרְנָסָה אִיז - זַיין אַ שַׁדְכָן". אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פט): "דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן".

זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין מִיט קֵיינֶעם אִין מַארְק אָדֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ, גֵיי נָאר צוּם צִיּוּן אוּן קוּם צוּרִיק צוּ דַיין דִירָה.

בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ זָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי וֶוערְטֶער: "רֶבִּי, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ. רֶבִּי, אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן. רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין הֵיילִיג אָן קַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ מוּז חֲתוּנָה הָאבְּן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ וֵויינֶען בִּיז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵל'ן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַ סֵדֶר הַיּוֹם ווי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי צַייט אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב, פֹּה אוּמַאן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דִי גֶעפִילְן, מִיר זֶענֶען דָא אִין אוּמַאן; מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַזוֹיפִיל זָארְגְן, בֶּענְקֶען, גְלִיסְטְן, בֶּעטְן, וֶועלְן, הָאפְן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - צוּ קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן.

יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם, מֶען זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי; לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן גְלַייךְ נָאךְ מִנְחָה מַעֲרִיב. מִיר פָארְן שׁוֹין צְוֵויי טֶעג אָן שְׁלָאפְן, מֶען מוּז זִיךְ אָפְּרוּעֶן. אוּן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיּוּן, אָדֶער קוֹדֶם דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית.

גֶעבּ אַכְטוּנְג, נֶעם נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים, נָאר וֶוער עֶס הָאט אַ רֵיינֶע מוֹיל; דָאס אִיז דֶער סִימָן, אַ רֵיינֶע מוֹיל אִיז אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ, אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל אִיז אַ שְׁמוּצִיג מֶענְטְשׁ.

בַּיים צִיּוּן קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, מֶען קֶען פּוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי וָואךְ שַׁבָּת אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן, פוּן וֶוען רוּסְלַאנְד אִיז אַרַיין אִין מִלְחָמָה מִיט אוּקְרֵיינָא זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אַזוֹי בַּאזָארְגְט וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶעדַאוֶוענְט אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן, מָה אָשִׁיב לַה׳ אַז מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן יָאר, דִי וָואךְ שַׁבָּת אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען הִיט דֶעם שַׁבָּת - פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶע שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר, אַז דוּ וֶועסְט שַׁבָּת זַיין פְרֵיילִיךְ, אַ גַאנְץ שַׁבָּת וֶועסְטוּ נָאר זַיין בְּשִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס וֶועט זַיין אַ רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה פַאר׳ן גְרוֹיסְן יוֹם הַדִין.

בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס, מֶען קֶען פּוֹעֶלְ׳ן שִׁידוּכִים, אוּן דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶענֶען פּוֹעֶלְ׳ן בַּיים צִיּוּן צוּ בַּאקוּמֶען דַעַת אוּן שֵׂכֶל לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי וַוייבּ, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פט) דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט גֶעשִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט גֶעשִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן, אִיר זֶענְט גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיר הָאט פַּארְקוּקְט אוֹיף אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן צוּ טוּן דִי רָצוֹן פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּן דִי יָאר. בַּיים צִינְדְן דִי לִיכְט זָאלְט אִיר זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס בַּיי דִי לִיכְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן אִין מִיר קַיין פִּינְטְל עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר".

בְּנוֹגֵעַ הַבְדָלָה; אוֹיב אִיז דָא אַ שָׁכֵן אַ מַאן - זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוֹיב אִיר קֶענְט יוֹצֵא זַיין, אוּן אַז נִישְׁט - דַארְפְט אִיר נִישְׁט מַאכְן הַבְדָלָה. בַּיים זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאלְט אִיר זָאגְן: "בָּרוּךְ הַמַּבְדִיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל".

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דוּרךְ שָׁלוֹם אוּן אַהֲבַת חִנָּם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת לִקְרַאת דֶעם יוֹם הַגָּדוֹל. גְלַייךְ נָאךְ שַׁחְרִית זָאלְסְטוּ מַאכְן הַתָּרַת נְדָרִים, אוּן הֵיי יָאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ מַאכְן אַ פְּרוֹזְבּוּל.

גֵיי צוּם צִיוּן, זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זֵיי זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דִי עֲבֵירוֹת וָואס דוּ גֶעדֶענְקְסְט זָאלְסְטוּ אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ זֵיי זִיךְ מִתְוַדֶּה בִּכְלָלִיּוּת אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ פַאסְטְן בִּיז חֲצוֹת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דָאס אִיז נָאר אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט; אַז מֶען אִיז שְׁוַואךְ פוּן טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ - דַארְף מֶען נִישְׁט פַאסְטְן.

גֶעדֶענְק זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אוּן גֵיין אִין מִקְוֶה - זִיךְ מְטַהֵר זַיין פַאר אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג.

רוּף אַהֵיים דַיין וַוייבּ, וואוּנְטְשׁ אִיר אָן אַ גוּט יָאר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן אוּן דַיינֶע זֵיידֶעס. אוֹיבּ זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן אוּמַאן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר זָאגְן שְׁטִילֶערְהֵייט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן דָאס זָאל זַיין פַאר מִיר אַ כַּפָּרָה".**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן, רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר גַאנְץ כְּלָל יִשְׂרָאֵל.

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַאכְט מֶען אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי מִשְׁפָּחָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקלט) וֶוען עֶר וָואלְט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ צוּ מַאכְן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ - וָואלְט עֶר גֶעמַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

יֶעצְט וֶוען דִי יָאר עֶנְדִיגְט זִיךְ, וִויל אִיךְ מַאכְן מִיט דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן דִי יָאר, שְׁנַת תשפ"ב אִין דִי קְהִילָה; נָאר בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר, מִיט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דִי יָאר הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר אוּן מֵיידְל שׁוּלֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם, דִי יָאר הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע אִין קִרְיַת יוֹאֵל, דִי יָאר הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אִין שְׁטֶעטְל דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, אוֹיךְ דִי מִקְוֶה מַלְכָּה. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶנְדִיגְט דְרֵיי שׁוּלְ׳ן אִין שְׁטֶעטְל, בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מְקוֹר הַשִּׂמְחָה.

מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי, מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן פַארְ׳ן בֵּית הַדְּפוּס, מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דֶעם קָאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים אוּן

מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט דֶעם בִּנְיָן אִין שְׁטֶעטְל פַּארְ'ן קִיאַסְק אוּן פַּארְ'ן בַּאזַאר.

עֶס אִיז אַרוֹיס צְוֵויי שֵׁיינֶע סִידִּיס נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע סְפָרִים, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת, חֲזִיתָ אִישׁ, שְׂפָתַי תִּפְתָּח, מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן אִין דִי יָאר שְׁנַת תשפ"ב.

אוֹיךְ אִיז אַרוֹיס דִי נֵייעֶ עֶפּפּ אוּן דִי נֵייעֶ בְּרֶסְלֶב'עֶ וֶועבְּזַייטְל בְּרֶסְלֶב עֶנִיטַיִים.

דָאס אַלֶעס קֶען אִיךְ טוּן נָאר צוּלִיב דִיר אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר שְׁנַת תשפ"ג זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן. דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן - אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ קֵיינֶעם, דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם, זוּכְן דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַּאר אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט טְרָאגְן אוּן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין לָשׁוֹן הָרָע; נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ תְּ'הֵא שְׁ'נַת פְּ'דוּת גְ'אוּלָתֵינוּ. דוּרְךְ שָׁלוֹם, דוּרְךְ אַהֲבַת חִנָּם - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ.

אַ זִיס יָאר.

...

## אַז מִיר וֶועלְן פַארְגֶעבְּן אוּן פַארְגִינֶען, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַארְגוּטִיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם אַ' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶען גֵייט מִשְׁפְּטָ'ן יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶעס וָואס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דוּרְךְ דִי יָאר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ", אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, "מוֹדְדִין לוֹ", אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט

אִים; אַז מִיר וֶועלְן מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז לִיבּ הָאבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: "מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן"; בִּפְרַט דִי פְּרוֹיעֶן, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, תְּ'הֵא שְׁ'נַת פַּ'אר-גְ'ינֶען, תְּ'הֵא שְׁ'נַת פַּ'אר-גֶ'עבְּן; אַז מִיר וֶועלְן פַארְגֶעבְּן אוּן פַארְגִינֶען - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַ'אר-גְ'וּטִיגְן אוּן אוּנְז גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, פַּ'רְנָסָה גְ'דוֹלָה.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ, אִיךְ בֶּעט פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט יָאר, אַ זִיס יָאר, אַ פְ'רֵיילִיכֶע גֶ'עשְׁמַאקֶע יָאר, אַ יָאר פ'וּל מִיט גְ'לִיק.

טַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה אַז אַייעֶר מַאן אִיז אִין אוּמַאן, עֶר אִיז בַּיים גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, בַּיים גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער, בַּיים גְרֶעסְטְן צַדִיק, רֹאשׁ כָּל הַצַדִיקִים, דֶער רֶבִּי פוּן אַלֶע רֶבִּי'ס; אַייעֶר מַאן וֶועט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַ גוּט יָאר פַאר אַייךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אַ זִיס יָאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## לֶערְנֶען און מְסַיֵּים זַיין שַׁ"ס

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הֶעלְף מִיר אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען שַׁ"ס און מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס!" אַזוֹי זִיצְט חֵייקְל בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן און וֵויינְט.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד, חֵייקְל, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן: "חֵייקְל חַזָּן"; עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר שֵׁיין זִינְגֶען. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אִים צוּ הֶערְן זִינְגֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן פְלֶעגְט חֵייקְל אַלְץ גֵיין צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע קִינְדֶער און פַאר אַלֶע אִידְן; עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן אַלֶע זַיינֶע בַּקָשׁוֹת.

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז מֶען קֶען טַאקֶע אִיבֶּערָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט

אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער מֶען אִיז אוּן וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נָאכְמֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער אוֹיס וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק; בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק זֶענֶען דִי הִימְלֶען אָפְן, דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן דָארְט אַרוֹיף זֵייעֶר שְׁנֶעל.



הֶעלְף אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס

אַמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט ווִי חֵייקְל זִיצְט בַּיים צִיוּן אוּן וֵויינְט צוּם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן

שַׁ״ס, וַוייל אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי׳ן אַז וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵּים שַׁ״ס בַּאקוּמְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, אַ הֵייליגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזִיכְט; רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען דִי הֵייליגֶע גְמָרָא אוּן דָאס עֶנְדִיגְן״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער עֶס וִויל הָאבְּן אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, וֶוער עֶס וִויל אַ הֵייליגְקֵייט אוֹיפְ׳ן פָּנִים - זָאל אָנְהוֹיבְּן שַׁ״ס. יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

הוֹיבְּט אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִין אַ רַייעֶ אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אַבִּיסְל גְמָרָא - אִיז מֶען זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ״ס.

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִינְגֶען: ״דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ״ס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ הֵייליגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזִיכְט״.